בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קי"ז

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת מטות מסעי
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵוייטְן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת תְּרוּמָה שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.

### הַלְוַאי מֶען זָאל אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם הַשֵּׁם. דֶעם הַיינְטִיגְן שִׁיעוּר זָאג אִיךְ אַרַיין בַּיי מִיר אִין אָפִיס פַאר דִי חָשׁוּבְ'עֶ לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא, אוּן אִיךְ בֶּעט מֶען זָאל זַיי עֶס גֶעבְּן צוּ הֶערְן.

מֶען זָאל אָבֶּער וִויסְן אַז אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר דִי מְלַמְּדִים, אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ פַאר דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא, אוּן אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר דִי לֶערֶערִינְס אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ פַאר מְלַמְּדִים, וַוייל דֶער גַאנְצֶער חִילּוּק אִיז נָאר דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט, וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה (שְׁמוֹת יט ג): **"כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל"**, צוּ דִי מֶענֶער זָאל עֶר רֶעדְן מֶער שְׁטְרֶענְג, אוּן צוּ דִי פְרוֹיעֶן מֶער וֵוייךְ אוּן רוּאִיג. אָבֶּער הַלְוַאי וְהַלְוַאי זָאלְן זִיךְ אַלֶע צוּהֶערְן צוּ אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען גֶעבְּט אִין חִינּוּךְ.

### דַארְף מֶען צְוִוינְגֶען אַ קִינְד צוּ עֶסְן?

אִיךְ וִויל רֶעדְן פוּן אַ שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אַ מְלַמֵּד. אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט: **"אִיז דָא אַן עִנְיָן צוּ צְוִוינְגֶען דִי קִינְדֶער בַּיי פְרִישְׁטָאג אוּן בַּיי מִיטָאג אַז מֶען מוּז אוֹיפְעֶסְן וָואס דִי מוֹסָד גֶעבְּט?"**

[בְּעֶצֶם אִיז דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה אוֹיךְ נוֹגֵעַ פַאר עֶלְטֶערְן אִינְדֶערְהֵיים, צִי עֶלְטֶערְן דַארְפְן צְוִוינְגֶען קִינְדֶער אוֹיפְצוּעֶסְן וָואס דִי מַאמֶע גֶעבְּט, אָדֶער אַ קִינְד מֶעג זָאגְן: "אִיךְ גְלַייךְ נִישְׁט דִי עֶסְן". עֶס אִיז דָא אַסַאךְ שִׁיטוֹת אִין דֶעם, עֶס זֶענֶען דָא וָואס הַאלְטְן אַז מֶען דַארְף צְוִוינְגֶען צוּ עֶסְן כְּדֵי אוֹיסְצוּרַייסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת פוּנֶעם קִינְד, אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס הַאלְטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט צְוִוינְגֶען. אִיךְ וֶועל נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן וָואס מֶען זָאל טוּן פְּרִיוַואט אִינְדֶערְהֵיים, דָאס וֶועל אִיךְ אִיבֶּער לָאזְן צוּ רֶעדְן בַּיי אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים].

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען זָאל נִישְׁט צְוִוינְגֶען אַ קִינְד צוּ עֶסְן דַוְקָא אַ גֶעוִויסֶע עֶסְן, מֶען דַארְף אָבֶּער זֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶפֶּעס עֶסְן צוּם גֶעזוּנְט.

דָאס מֵיינְט אַזוֹי, אוֹיבּ אִיז אָנְגֶעגְרֵייט בַּיים טִישׁ בְּרוֹיט, לָאקְשְׁן, קֶעז אוּן מִילְךְ, אוּן אַ קִינְד זָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט עֶסְן קַיין לָאקְשְׁן, דַארְף מֶען נִישְׁט צְוִוינְגֶען דֶעם קִינְד צוּ עֶסְן דִי לָאקְשְׁן, אָבֶּער דֶער קִינְד מוּז זִיךְ וַואשְׁן אוּן עֶסְן אַ בְּרוֹיט אוּן טְרִינְקְן אַ גְלֶעזְל מִילְךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוֹיבּ אִיז אָנְגֶעגְרֵייט בַּיים טִישׁ סִירִיעֶל אוּן טְשָׁאלְנְט, אִיז נִישְׁטָא קַיין עִנְיָן צוּ בַּאצְוִוינְגֶען אַ קִינְד צוּ עֶסְן בֵּיידֶע, אָבֶּער דֶער קִינְד מוּז כָאטְשׁ עֶסְן אֵיינֶע פוּן זֵיי, אָדֶער סִירִיעֶל, אָדֶער טְשָׁאלְנְט, אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג.

### עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק צוּ צְוִוינְגֶען קִינְדֶער

אִיךְ גֶעדֶענְק אַ מַעֲשֶׂה פוּן מַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן, וֶוען אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוֶוען צֶען יָאר, אִין כִּתָּה ו', עֶס אִיז גֶעוֶוען זוּמֶער אִין אַ גֶעוִויסֶע קֶעמְפּ. מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטְרֶענְג בַּיים עֶסְן, זִי הָאט גֶענוּמֶען דִי שִׁיטָה אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס גְלַייכְן נִישְׁט קַיין פְלֵייש קֶענֶען עֶסְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אַנְשְׁטָאט דֶעם, פַאר מִיר אִיז גֶעוֶוען לַייכְטֶער צוּ עֶסְן 'פוּטֶער בְּרוֹיט', הָאט מִיר מַיין מַאמֶע גֶעלָאזְט עֶסְן פוּטֶער בְּרוֹיט. אֵיין טָאג הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן אִין קֶעמְפּ עֶפֶּעס אַ רוֹיטֶע לִינְזְן זוּפּ, וָואס אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיין נֶעמֶען אִין מוֹיל, אָדֶער וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט... אוּן מַיין מַדְרִיךְ הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין שְׁפִּילְן בִּיז אִיךְ עֶס נִישְׁט אוֹיף דִי זוּפּ, בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן אִינֶעם לֵיידִיגְן עֶס-זַאל אוּן גֶעוֵויינְט, בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער מַדְרִיךְ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט, הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דֶעם טֶעלֶער זוּפּ אוּנְטֶערְן טִישׁ...

עַד הַיּוֹם וֵייס אִיךְ נִישְׁט צִי אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט דֶעם מַדְרִיךְ, אָדֶער דֶער מַדְרִיךְ הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט. עֶס קֶען זַיין אַז דֶער מַדְרִיךְ הָאט זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעדְרֵייט וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוָואלְט עֶנְדִיגְן דֶעם קְרִיגֶערֵיי, וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס וִוילַאנְג דוּ עֶסְט אוֹיף"**, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט: **"אִיךְ גֵיי נִישְׁט אוֹיפְעֶסְן"**... אִיז עֶר גֶעוָוארְן סְטָאק (גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן), וִוילַאנְג עֶר גֵייט וַוארְטְן אִיךְ זָאל אוֹיפְעֶסְן דִי זוּפּ פַארְלִירְט עֶר זַיין צַייט פוּן כַאפְּן אַ דְרִימְל... קֶען זַיין אַז דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט, מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן: **"שְׁפִּיל מִיךְ שׁוֹין אוֹיס, אוּן לָאמִיר שׁוֹין אַרוֹיס פוּן דָא..."**

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק צוּ צְוִוינְגֶען קִינְדֶער, אַז נָאכְדֶעם זָאלְן זֵיי אוֹיסְגִיסְן דָאס עֶסְן אוֹיף דֶער עֶרְד אָדֶער אַרַיין גִיסְן אִין טַאשׁ... וָואס יָא? מֶען דַארְף זֶען דֶער קִינְד זָאל עֶסְן צוּם גֶעזוּנְט.

### מֶען דַארְף וִויסְן אוֹיבּ אַ קִינְד אִיז עֶלֶערְדְזְשִׁיק

אוֹיבּ אַ קִינְד זָאגְט: **"אִיךְ מַאךְ צוּ מַיין מוֹיל! אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶסְן - נִישְׁט קַיין בְּרוֹיט, נִישְׁט קַיין לָאקְשְׁן, נִישְׁט קַיין קֶעז, נִישְׁט קַיין מִילְךְ, נִישְׁט קַיין סִירִיעֶל אוּן נִישְׁט קַיין טְשָׁאלְנְט, אִיךְ עֶס גָארְנִישְׁט!"** דַארְף מֶען זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן; אֶפְשָׁר גֵייט עֶפֶּעס פָאר, אֶפְשָׁר אִיז דֶער קִינְד עֶלֶערְדְזְשִׁיק, אוּן אוֹיבּ דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט עֶלֶערְדְזְשִׁיק דַארְף מֶען יָא צְוִוינְגֶען דֶעם קִינְד צוּ עֶסְן כָאטְשִׁיג עֶפֶּעס.

בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען סַיי וִוי וִויסְן אוֹיבּ אַ קִינְד אִיז עֶלֶערְדְזְשִׁיק. עֶלְטֶערְן מוּזְן זָאגְן פַארְן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת אוֹיבּ זֵייעֶר קִינְד אִיז עֶלֶערְדְזְשִׁיק, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה נִישְׁט

### דִי חָכְמָה פוּן אַ מְלַמֵּד

אוֹיסְצוּזָאגְן דֶער זַאךְ, אוּן יֶעדֶער מְלַמֵּד אוּן יֶעדֶע לֶערֶערִין דַארְף אָנְהֵייבּ יָאר דוּרְכְגֵיין אַלֶע קִינְדֶער מִיטְן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת, צוּ הֶערְן אוֹיבּ אִיז דָא אִין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס אִיז עֶלֶערְדְזְשִׁיק, וַוייל אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט דָאס נִישְׁט קֶען עֶס חַס וְשָׁלוֹם זַיין 'סַכָּנַת נְפָשׁוֹת'.

## דִי חָכְמָה פוּן אַ גוּטֶער מְלַמֵּד

בִּכְלַל אִיז נִישְׁט גוּט אַרַיין צוּ גֵיין אִין אַ קְרִיגֶערַיי מִיט קִינְדֶער; מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי קִינְדֶער, **"אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעוִויזְן"**, **"אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט"**, אוּן **"דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעפִירְט"**, דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף מֶען לֵייגְן אִין דִי זַייט, מֶען דַארְף זֶען ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן זַאכְן זָאלְן אַרְבֶּעטְן דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע אָן אַרַיין גֵיין אִין אַ קְרִיגֶערַיי מִיט דִי קִינְדֶער. אֵיין מָאל מֶען וֶוערְט אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין אַ קְרִיגֶערַיי מִיט אַ קִינְד, אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג אַרוֹיס, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין אוֹיסְפִירְן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן 'חוּצְפָּה'...

דִי חָכְמָה פוּן אַ גוּטֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין דֶעם 'ווִינְקְל' וָואס דָארְט מוּז מֶען אוֹיסְפִירְן. אַ גוּטֶער מְלַמֵּד לֵייגְט אַרַיין אַ חַיוּת אוּן אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אִין דִי קִינְדֶער, אוּן עֶר גֶעבְּט יֶעדְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, מִיט דֶעם שְׁפָּארְט עֶר אַיין עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיין פַאלְן אִין קְרִיגֶערַייעֶן מִיט דִי קִינְדֶער, וַוייל אַז דִי אַטְמָאסְפֶער אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער חֵשֶׁק מִיט צוּ הַאלְטְן אוּן פָאלְגְן וָואס דֶער מְלַמֵּד פַארְלַאנְגְט.

## גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אַ גְלֶעט - הַאלְטְן אָן לֶענְגֶער

עֶטְץ זָאלְטְס ווִיסְן, מִיט 'גוּטֶע וֶוערְטֶער' קֶען מֶען אוּנְטֶערְקוֹיפְן קִינְדֶער נָאךְ מֶער ווִי מִיט 'מַתָּנוֹת', וַוייל אוֹיבּ מֶען מוּז גֶעבְּן 'מַתָּנוֹת' הָאט דָאס נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, אַ קִינְד וֶוערְט נִישְׁט זַאט פוּן אֵיין מַתָּנָה, מֶען דַארְף הַאלְטְן אִין אֵיין גֶעבְּן אוּן גֶעבְּן נָאךְ מַתָּנוֹת אוּן נָאךְ מַתָּנוֹת, אָבֶּער גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אַ גְלֶעט - הַאלְטְן אָן פַאר לֶענְגֶער.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִין בֵּית פֵיגָא אִיז אַיינְגֶעפִירְט לֶערֶערִינְס זָאלְן גְלֶעטְן דִי קִינְדֶער, אָבֶּער אִין חֵדֶר אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז דִי מְלַמְדִים גְלֶעטְן דִי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טוּן, עֶר פְלֶעגְט גְלֶעטְן זַיינֶע תַּלְמִידִים אַזוֹי ווִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט זֵיי זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט.

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו ווִי אֵיינֶער שְׁרַייבְּט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז זַיין קִינְד קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר דֶערְצֵיילְן אַז זַיין מְלַמֵּד גְלֶעט אִים, אוּן יֶענֶער פְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר דַארְף חוֹשֵׁשׁ זַיין אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט? מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט אִים, וֶוער עֶס זָאגְט אַז גְלֶעטְן אַ קִינְד מֵיינְט 'נִישְׁט גֶעזוּנְט', דַארְף מֶען אִים אַלֵיינְס אוּנְטֶערְזוּכְן צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז גֶעזוּנְט... עֶס אִיז אַזוֹי ווִיכְטִיג צוּ גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר אַ קִינְד, עֶס אִיז אַזוֹי ווִיכְטִיג צוּ גֶעבְּן אַ גְלֶעט אוּן זָאגְן פַארְן קִינְד: **"דוּ בִּיסְט אַ צַדִיק"**, **"דוּ גֵייסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט"**, **"אִיךְ גֵיי זָאגְן פַאר דַיין טַאטֶע ווִי גוּט דוּ בִּיסְט"**.

## רֶעדְן צוּ קִינְדֶער עֶרְוַואקְסְן

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער דַארְף מֶען רֶעדְן אַזוֹי ווִי מֶען וָואלְט גֶערֶעדְט צוּ אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ. אוּן מֶען רֶעדְט גְרָאד, נִישְׁט סַארְקַאסְטִישׁ (בַּייסִיג); מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער: **"אָקֶעי, אִיךְ גֵיי אַהֵיים, וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין עֶנְקֶער טִיטְשֶׁער, עֶנְק פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין..."** **"אִיךְ זֶע קֵיינֶער הַאלְט נִישְׁט מִיט, אִיז נִישְׁט, מֶען וֶועט נִישְׁט לֶערְנֶען, יֶעדֶער גֵייט קֶענֶען טוּן וָואס עֶר ווִיל..."** - קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דֶער פַארְקֶערְטֶע שְׁפְּרַאךְ, מֶען דַארְף זֵיי זָאגְן וָואס יָא צוּ טוּן, ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן.

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן טְרַאכְטְן: 'דִי קִינְדֶער גֵייעֶן דָאךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶערְ'ס מְלַמְדִים', 'דִי קִינְדֶער גֵייעֶן דָאךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶערְ'ס לֶערֶערִינְס', פוּן דִי כִּתָּה גֵייט אַרוֹיס קוּמֶען אַ דַיָּין פַאר דִי קְהִילָה, אַ חָשׁוּבְ'עֶר מְנַהֵל אוּן אַ חָשׁוּבְ'עֶ מְנַהֶלֶת.

## בַּיי 'חוּצְפָּה' מֶעג מֶען צוּוַוארְטְן?

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען נָאךְ אַ שְׁאֵלָה פוּן אַ מְלַמֵּד. אַ מְלַמֵּד פְרֶעגְט: **"וֶוען אַ קִינְד טוּט אַ 'חוּצְפָּה' אִין כִּתָּה, מוּז מֶען אָפְּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה אוּן גְלַייךְ בַּאשְׁטְרָאפְן דֶעם קִינְד, אָדֶער מֶען קֶען עֶס אַוֶועק לֵייגְן פַאר מָארְגְן, מֶען זָאל עֶס קוֹדֶם אִיבֶּער טְרַאכְטְן אָדֶער אִיבֶּער שְׁלָאפְן?"**

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז, עֶס אִיז נִישְׁטָא דֶערוֹיף אַ כְּלַל, אַמָאל דַארְף מֶען עֶס גְלַייךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן אַמָאל נִישְׁט. אִיךְ וָואלְט גֶעזָאגְט אַז עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם, אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד שְׁפִּירְט אוֹטַארִיטִי (שְׁטַארְקְקֵייט), דִי כִּתָּה פָּארְט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, דִי כִּתָּה אִיז אִין זַיינֶע הֶענְט, עֶר זִיצְט בַּאקְוֶועם אוֹיף זַיין בֶּענְקְל, דִי נוּסָח אוּן דִי ווִינְט פוּן כִּתָּה אִיז פֵיין, מוּז עֶר נִישְׁט יֶעצְט זֶען יֶעדֶע זַאךְ, עֶר קֶען זִיךְ קוֹדֶם אִיבֶּער טְרַאכְטְן אוּן שְׁפֶּעטֶער בַּאמֶערְקְן דֶעם קִינְד, אִים זָאגְן: **"דָאס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג"**, אוּן אוֹיבּ עֶס פֶעלְט אוֹיס זָאל עֶר דֶעמָאלְט קַנְסְ'עֶנֶען דֶעם קִינְד.

וֶוען מֶען שְׁפִּירְט אַז אַלֶעס פָּארְט אִין כִּתָּה רִיכְטִיג, זָאל מֶען אַזוֹי טוּן, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט גוּט, נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט פַארְן מְלַמֵּד אַלֵיין, אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה יֶעדֶע רֶגַע.

אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין שְׁטַארְקְקֵייט, אָדֶער עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁטַארְקְקֵייט נָאר דֶער קִינְד צֶעוַוארְפְט זַיין קָאנְטְרָאל אִין כִּתָּה, צוּם בֵּייְשְׁפִּיל, דֶער קִינְד הָאט גֶעוָוארְפְן אַ פֵּרִי אוֹיפְן מְלַמֵּד אִינְמִיטְן כִּתָּה... דַארְף עֶר יָא גְלַייךְ אַרָאפּ נָאגְלֶען דִי קִינְדֶער אוּן אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה.

## עֶס לוֹינְט נִישְׁט אָפְּצוּשְׁטֶעלְן אַ כִּתָּה

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בּוּךְ וָואס קֶען פַארְשְׁרַייבְּן טְרוּקֶענֶע פַאקְטְן וֶועלְכֶע זַאךְ צֶעוַוארְפְט דֶעם ווִינְט פוּן כִּתָּה אוּן וָואס נִישְׁט, מֶען דַארְף הָאבְּן אַ הַארְץ אוּן קְלוּגְשַׁאפְט אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא צוּ ווִיסְן בַּיי יֶעדְן פַאל בַּאזוּנְדֶער וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וֶועל אָבֶּער פְּרוּבִּירְן צוּ גֶעבְּן עֶטְלִיכֶע בֵּייְשְׁפִּילְן מֶען זָאל עֶס פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ בִּין אַ גַבְּאַי אִין אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אַ גַבְּאַי דַארְף דָאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אָבֶּער דֶער גַבְּאַי דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן אַבִּיסְל שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ יֶעדֶע מִינוּט. דֶערְפַאר, וֶוען דִי גַאנְצֶע שׁוּל דַאוֶוענְט אַ מְחַיֶּה, נָאר צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זִיצְן אִינְאֵיינֶעם אוּן רֶעדְן שְׁטִיל, דַארְף זִיךְ דֶער גַבְּאַי נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן, אָבֶּער אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט אָן אוּן דְרֵייט אוֹיס אַ בֶּענְקְל צוּ דִי אַנְדֶערֶע זַייט, עֶר זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק מִיט דִי רוּקְן צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אוּן עֶס וֶוערְט אַ גַאנְצֶע קוּפְּקֶע וָואס שְׁמוּעֶסְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, דֶעמָאלְט דַארְף דֶער גַבְּאַי שׁוֹין יָא צוּגֵיין צוּ זֵיי אוּן זֵיי זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶוענֶען.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אַ מְלַמֵּד; אוֹיבּ מֶען בַּאמֶערְקְט אִינְמִיטְן כִּתָּה אַז אַ קִינְד הָאט גֶערֶעדְט צוּ זַיין שָׁכֵן, אָדֶער עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אַ פֶּעדֶער אוּן עֶר שְׁרַייבְּט פַאר זִיךְ, אִיז נִישְׁט כְּדַאי אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דָאס דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם, מֶען זָאגְט נִישְׁט: **"יֶעדֶער מַאכְט צוּ זַיין סִידוּר"**, אוּן מֶען גֵייט קֶעיר נֶעמֶען פוּן דֶעם קִינְד, וַוייל אַלֶעס פָּארְט דָאךְ פֵיין אוּן וואוֹיל, לוֹינְט נִישְׁט אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה.

וֶוען אַ לֶערֶערִין הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, אוּן זִי בַּאמֶערְקְט ווִי דִי גַאנְצֶע כִּתָּה זִינְגְט דִי אַלֶף בֵּית אוּן אֵיין קִינְד טְרִינְקְט וַואסֶער, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט אַז דִי לֶערֶערִין זָאל יֶעצְט אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס לֶערְנֶען אוּן אוֹיסְרוּפְן: **"אָהּ אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז יֶעצְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען פוּן דִי פֶענְסְטֶער, אִיךְ זֶע ווִי דִי מֵיידְל טְרִינְקְט אִינְמִיטְן**

## הַמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**לֶערְנֶען**", וַוייל מֶען לֶערְנְט דָאךְ יֶעצְט, עֶס אִיז אַ שָׁאד אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דָאס לֶערְנֶען, עֶנְדֶערְשׁ זָאל דִי לֶערֶערִין זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פוּן פְּלַאץ אוּן אַרוּמְגֵיין דִי כִּתָּה, אוּן וֶוען זִי קוּמְט צוּ דִי מֵיידְל זָאל זִי רוּאִיגֶערְהֵייט אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם בָּאטְל וַואסֶער, אוּן זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְרִינְקֶען אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, אוּן דִי גַאנְצֶע כִּתָּה אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן אִיבֶּער גֶעהַאקְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען.

אָבֶּער אוֹיבּ אַ לֶערֶערִין זֶעט וִוי עֶס פָּארְט אַרוּם אַ צֶעטְל, קִינְדֶער שִׁיקְן אַרוּם צֶעטְלֶעךְ מִיטְן שְׁפִּיל 'טִיק טַאק טָאוֹ' (אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען עֶס 'אִיקְס עִגּוּל'), דַארְף מֶען עֶס יָא גְלַייךְ אָפְּשְׁטֶעלְן. אוֹיסֶער אוֹיבּ מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן עֶנְטְפֶערְן אַ רֶעכֶענֶען פְרַאגֶע צֶעטְל, אוּן דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט עֶנְטְפֶערְן שִׁיקְן זִיךְ אַרוֹיף צֶעטְלֶעךְ, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן, מֶען קֶען זִיךְ מַאכְן וִוי דֶער מַדְרִיךְ וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייְדְט דִי פָּנִים נִישְׁט צוּ זֶען וִוי אִיךְ גִיס אוֹיס מַיין טֶעלֶער זוּפּ אוּנְטֶערְן טִישׁ... וַוייל מֶען דַארְף דָאךְ סֵיי וִוי וַוארְטְן נָאךְ אַ צְוֵויי דְרֵיי מִינוּט וִוילַאנְג דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן עֶנְדִיגְן עֶנְטְפֶערְן, אִיז וָואס דַארְף מֶען יֶעצְט גֵיין אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי כִּתָּה?!

### זָאל מֶען אַרַיין מִישְׁן עֶלְטֶערְן וֶועגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער?

אִיךְ וִויל רֶעדְן פוּן נָאךְ אֵיין זַאךְ, מֶען שְׁטֵייט יֶעצְט בֶּעפָאר אַן 'אֲסִיפַת הַהוֹרִים' פַאר דִי טַאטֶעס פוּן אַלֶע אִינְגְלֶעךְ פוּן חֵדֶר, אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט עֶר וִויל פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז רִיכְטִיג; אֵיין מָאל הֶערְט עֶר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן פַאר עֶלְטֶערְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער קִינְד טוּט אִין חֵדֶר, נָאכְדֶעם הֶערְט עֶר בַּיי אַ חִינוּךְ שִׁיעוּר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט פַאר מְלַמְּדִים: "**אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ נִישְׁט זָאגְן דֶעם אֶמֶת צִי מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, בִּין אִיךְ דִיךְ נִישְׁט מְקַנֵּא**", קוּמְט אוֹיס אַז מֶען דַארְף יָא זָאגְן פַאר עֶלְטֶערְן דֶעם אֱמֶת?!

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וועלְכֶע טַאטֶע מַאמֶע; נִישְׁט יֶעדֶע טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען 'מְחַנְּכִים', עֶס קֶען זַיין חָשׁוּבְ'עֶ עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת, וָואס אוֹיבּ מֶען זָאגְט זֵיי אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט וֶועגְן זֵייעֶר קִינְד, וֶועלְן זֵיי וֶוערְן צֶעקְרִיגְט מִיט דִיר אוֹיפְן גַאנְצְן לֶעבְּן. מֶען קֶען דָאס זֶען מִיט שְׁכֵנִים, עֶס זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן וָואס אוֹיבּ אַ שְׁכֵנָה זָאגְט אִיר: "**דַיין קִינְד אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג**", אִיז זִי שׁוֹין בַּאלֵיידִיגְט אוֹיף דִי פְרוֹי, זִי קֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן מִיט אִיר.

אוֹיבּ מֶען מִישְׁט אַרַיין אַזַא מִשְׁפָּחָה אִין אַ חוּצְפָּה'דִיגֶער קִינְד, קֶען מֶען פַארְלִירְן דֶעם קִינְד פַארְן גַאנְצְן יָאר, וַוייל דֶער טַאטֶע גֵייט זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַארְן קִינְד, אוּן דֶער טַאטֶע גֵייט זָאגְן פַאר יֶעדְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין גוּטֶער מְלַמֵּד. בִּפְרַט בַּיי אוּנְז וָואס מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם יוּנְגֶע מְלַמְּדִים אוּן יוּנְגֶע לֶערֶערִינְס, קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל צוּרִיק הֶערְן וִוי עֶלְטֶערְן זִינְגֶען: "**עֶס אִיז יוּנְגֶע חֶבְרָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי וֵוייסְן, עֶכְט וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט גָארְנִישְׁט...**"

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען דָא קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן וָואס גֵייעֶן יָא מִיטְשְׁטֵיין מִיטְ'ן מְלַמֵּד אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס זֵיי קֶענֶען. אַז אַ מְלַמֵּד וֶועט מִיר קוּמֶען זָאגְן אַז מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, גֵיי אִיךְ נִישְׁט חָרוּב מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן דֶעם, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל בֶּאֱמֶת הַאלְטְן אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט קְלוּג פַארְן זִיךְ פַארְאַנְפֶערְן מִיט דֶעם קִינְד, גֵיי אִיךְ רֶעדְן צוּ מַיין זוּן אוּן אִים הֵייסְן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג!

דֶערְפַאר, וֶוען מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן וֶועגְן אַ קִינְד, אִיז כְּדַאי עֶס קוֹדֶם דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן רוּאִיגֶערְהֵייט מִיטְן מְנַהֵל אָדֶער מְנַהֶלֶת, זֵיי זָאלְן בַּאשְׁלִיסְן אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן גֵייעֶן מִיט שְׁטֵיין מִיטְ'ן מְלַמֵּד אוּן עֶס מַאכְן אַרְבֶּעטְן, אָדֶער עֶס לוֹינְט נִישְׁט, וַוייל דִי עֶלְטֶערְן גֵייעֶן נָאר קַאלְיֶע מַאכְן.

אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט אַז דִי עֶלְטֶערְן גֵייעֶן נָאר קַאלְיֶע מַאכְן, זָאל מֶען זֵיי נִישְׁט זָאגְן. אוּן מֶען זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן כְּאִילוּ דֶער קִינְד אִיז אַ יָתוֹם אוּן אַ יְתוֹמָה... אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיטְ'ן קִינְד.

### אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד זֵייעֶר טֵייעֶר

עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן, אוֹיף דֶער וֶועלְט קוּקְט מֶען אוֹיף אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין פַארְוָואלְוְולְט, קוֹים קוֹים וָואס עֶלְטֶערְן גֶעבְּן אַ טִיפּ אוֹיף חֲנוּכָּה אוּן פּוּרִים, [מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף דֶעם, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאר קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן], אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין זֵייעֶר טֵייעֶר!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## בְּרִיְּון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וִוי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי פַּחַד פוּן אַן עֶלֶעוֶועיטָאר פוּן אַ קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אֵיינְמָאל גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין אַן עֶלֶעוֶועיטָאר מִיט מַיין פִינְף יֶערִיגֶע טָאכְטֶערְל, אוּן זַייט דֶעמָאלְט אִיז זִי גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַ פַּחַד פוּן אַן עֶלֶעוֶועיטָאר אוּן זִי וִויל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אֶן עֶלֶעוֶועיטָאר; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אִיר דִי פַּחַד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּיר, מ"ג לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גְרִינְגְסְטֶע וֶועג אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אַזֶעלְכֶע פְּחָדִים אִיז דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער; רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר אוֹיבּ מֶען זָאגְט אַזוֹי אִין הִימְל, מֶען קֶען נִישְׁט כַאפְּן אַ קְלַאפּ אִין פִינְגֶער נָאר אַז מֶען הָאט אַזוֹי אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל", אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חוּלִין ז.): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה"; דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים, מֶען לֶעבְּט רוּאִיג אוּן זִיכֶער.

קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן וַוארְטְן נִישְׁט אוֹיף אַ בְּרָאךְ אוּן נָאכְן בְּרָאךְ הוֹיבְּט מֶען אָן רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, נָאר וֶוען מֶען קֶען נָאר - רֶעדְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה. וֶוען עֶס אִיז דָא אַ שְׁמוּעֶס דְרֵייט מֶען אַרַיין מִיט חָכְמָה - אֱמוּנָה; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, נָאר עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר אִיז אִיבֶּעְרָאל; אַזוֹי, אוֹיבּ עֶפֶּעס פַּאסִירְט - אִיז מֶען שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ תשפ"ד)

## וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע נוּסָח צוּ דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי נוּסָח הַתְּפִלָּה מִיט דִי קִינְדֶער, וֶוען אִיךְ דַאוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, בַּיי "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם", זָאל מֶען זָאגְן "בַּסֵּתֶר וּבַגָּלוּי", אָדֶער "בַּסֵּתֶר כְּבַגָּלוּי"? אוּן בַּיי "אַהֲבַת עוֹלָם" זָאגְט מֶען "עוֹל הַגּוֹיִם וְעוֹל הַגָּלֻיּוֹת מֵעַל צַוָּארֵינוּ" אָדֶער זָאגְט מֶען עֶס נִישְׁט? בַּיים בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, בַּיי "רַחֵם נָא", זָאגְט מֶען "שֶׁלֹּא נֵבוֹשׁ וְלֹא נִכָּשֵׁל", אָדֶער זָאגְט מֶען נִישְׁט "נִכָּשֵׁל"? בַּיי מִנְחָה בַּיי קָרְבָּנוֹת זָאגְט מֶען דִי "יְהִי רָצוֹן" צְווִישְׁן דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן צְוֵויי "וַיְדַבֵּר", אָדֶער נִישְׁט?

הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט צְוֵויי שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף אַלֶע מַתָּנוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ אוּם זֹאת חֲנוּכָּה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים אוּן אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען דָארְט פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ז' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

ווָאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד; אַלֶע תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת - וֶועט דֶער מְלַמֵּד בַּאקוּמֶען שְׂכַר לְנֵצַח נְצָחִים.

בְּנוֹגֵעַ נוּסָח וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז עֶר מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אִין נֻסְחָאוֹת, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל דַאוֶוענֶען ווִי אַזוֹי מֶען הָאט מְקוּבָּל פוּן דִי עֶלְטֶערְן. נָאר אֵיין וָוארְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל זָאגְן, "מֶלֶךְ יָחִיד חֵי הָעוֹלָמִים", נִישְׁט "מֶלֶךְ יָחִיד 'קֵל' חֵי הָעוֹלָמִים", ווַייל אַזוֹי ווִי מֶען הוֹיבְּט אָן פְּסוּקֵי דְזִמְרָה, בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, מִיט דִי וֶוערְטֶער 'חֵי הָעוֹלָמִים', דַארְף מֶען אוֹיךְ מְסַיֵּים זַיין פְּסוּקֵי דְזִמְרָה מִיט דִי וֶוערְטֶער מֶלֶךְ יָחִיד חֵי הָעוֹלָמִים; אַנְדֶערֶע זַאכְן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ נִישְׁט גֶעמִישְׁט, נָאר יֶעדֶער דַאוֶוענְט לוֹיט זַיין נוּסָח.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן צוּ טוּן דִי מִצְוֹת, דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אַ מְלַמֵּד מוּז זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, עֶס מוּז זִיךְ שְׁפִּירְן אִין כִּתָּה אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט. אַוַודַאי דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ; מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן, מֶען מוּז פָאלְגְן, אָבֶּער עֶס מוּז זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט, אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען פוֹעֵל'ן בַּיי דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת שְׁמוֹת תשפ"ה)

## ווִי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער נִישְׁט צוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן בַּיים נָאמֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זִיס מֵיידֶעלֶע, קוֹים אַ יָאר אַלְט, הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן רוּפְן לֶעצְטְנְס מִיט מַיין פוּלֶע נָאמֶען. אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ דַארְף שְׁמֵייכְלֶען פוּן אִיר קְלוּגְשַׁאפְט, אָדֶער דַארְף אִיךְ אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טוּט נִישְׁט אַזוֹי. בְּעֶצֶם וָואס קֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין אַן אֵיין יֶערִיג מֵיידְל?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, כ"ט סִיוָן, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פוּן וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין קִינְדֶער פִּירְט מֶען זִיךְ אַז טַאטֶע מַאמֶע רוּפְן זִיךְ נִישְׁט בַּיים נָאמֶען, דִי טַאטֶע רוּפְט דִי וַוייבּ 'מַאמֶע' אוּן דִי פְרוֹי רוּפְט דֶעם מַאן 'טַאטֶע', ווַייל קִינְדֶער רֶעדְן אוּן פִירְן זִיךְ אַזוֹי ווִי זֵיי הֶערְן אוּן זֶעעֶן בַּיי דִי עֶלְטֶערְן.

אַז דוּ ווִילְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ זָאלְסְטוּ אוּן דַיין וַוייבּ זִיךְ נִישְׁט רוּפְן בַּיי דִי נֶעמֶען, וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ נִישְׁט רוּפְן בַּיים נָאמֶען, נָאר זָאגְן טַאטֶע מַאמֶע.

וֶוען דִי קִינְדֶער וֶוערְן אַבִּיסְל עֶלְטֶער אוּן זֵיי רוּפְן בַּיים נָאמֶען דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט רוּפְן טַאטֶע מַאמֶע בַּיים נָאמֶען, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ מַמָּשׁ קְלֵיין דֶעמָאלְט קֶען מֶען נָאךְ נִישְׁט לֶערְנֶען, דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז מֶען זָאל זִיךְ רוּפְן 'טַאטֶע מַאמֶע'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת חֻקַּת תשפ"א)

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876